## קאַפּיטל דרייצן

1 און עס זענען געווען אין אַנטיאָכיען, אין דער
דאָרטיקער קהילה, נביאים און מלמדים, בר־נבא
און שמעון, וואָס האָט געהייסן ניגער, און לוקיוס
דער קירענער און מנחם, וועלכער איז דערצויגן
געוואָרן צוזאַמען מיט הורדוסן דעם טעטראַרך,
2 און שאולי. און בשעת זיי האָבן געדינט גאָט און
געפֿאַסט, האָט דער רוח הקודש געזאָגט: שיידט
מיר אָפּ בר־נבאן און שאולן צו דער אַרבעט, צו
3 וועלכער איך האָב זיי גערופֿן. דעמלט, נאָכן תענית
און תפילה טון, האָבן זיי אַרויפֿגעלייגט די הענט
אויף זיי, און זיי אַוועקגעשיקט.
4 און ווערנדיק אַרויסגעשיקט דורך דעם רוח
הקודש, זענען זיי אַראָפּגעגאַנגען קיין סעלעאוציען,
און פֿון דאָרטן האָבן זיי זיך אַוועקגעשיפֿט קיין
5 ציפּערן. און ווען זיי זענען אָנגעקומען קיין סאַלאַמיס,
האָבן זיי אָנגעזאָגט ג־טס וואָרט אין די ייִדישע
שולן; און האָבן אויך געהאַט יוחנן אַלס משרת.
6 און ווען זיי זענען אַדורכגעגאַנגען די גאַנצע אינזל
ביז פּאַפֿוס, האָבן זיי געפֿונען אַ געוויסן מאַן, אַ
כישוף־מאַכער, אַ ייִד, אַ פֿאַלשער נביא, מיטן
7 נאָמען בר־ישוע, וועלכער איז געווען ביי דעם
פּראָקאָנסול סערגיוס פּילוס, אַ פֿאַרנונפֿטיקער מאַן.
דער דאָזיקער האָט גערופֿן צו זיך בר־נבאן און
8 שאולן און פֿאַרלאַנגט צו הערן ג־טס וואָרט. נאָר
עלימאַס, דער כישוף־מאַכער, (וואָרום דאָס איז די
אַראַביש־גריכישע באַטייטונג פֿון זיין נאָמען) האָט
זיך זיי אַקעגנגעשטעלט, זוכנדיק אָפּצוקערן דעם
9 פּראָקאָנסול פֿון דער אמונה. שאול אָבער, וועלכער